בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ואתחנן תשע"ז** **שבת נחמו** **גליון 372 [שנה ח']**

**וואס מיינט בעת ההיא לאמור**

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה', בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר: [אֲדֹנָ-י יֱהוִֹ-ה] ה' אֱלֹקִים אַתָּה הַחִלּוֹתָ לְהַרְאוֹת אֶת-עַבְדְּךָ.. רַב-לָךְ אַל-תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה. (כג-כו) וואס מיינט בעת ההיא? און פארוואס נוצט משה דעם נאמען [אדנ-י יהו-ה] ה' אֱלֹקִים? אויך פארוואס דארף שטיין בַּדָּבָר הַזֶּה? נאר עס שטייט אז אין בית המקדש האט דער כהן גדול געזאגט דעם שם המפורש הוי', אבער אינדרויסן האט מען נאר געמעגט זאגן דעם שם אדנ', האט משה רבינו געבעטן בָּעֵת הַהִוא, איך וויל זיין אין בית המקדש, לֵאמֹר, צו קענען זאגן דעם שם אֲדֹנָ-י, במפורש הוי', האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז א צדיק הדור וואס גייט פון חו"ל צו א"י קען שטארק פאלן פון זיינע מדריגות, ממילא איז א"י נישט פאר דיר, [כידוע האט דער הייליגער בעש"ט געוואלט אויך פארן קיין א"י און עס איז אנגעקומען זייער שווער און פון הימל האט מען אים מגלה געווען אז אויב ער וועט גיין קיין א"י וועט ער פארלירן זיינע מדריגות,] יעצט משה רבינו איז געווען דער גרעסטער צדיק פון די וועלט ווייל ער האט זוכה געווען צו זאגן נבואה מיט "זה הדבר" (רש"י אנפאנג מטות ד"ה זה הדבר אשר צוה ה' ל' ב) וז"ל משה נתנבא בכֹה אמר ה', והנביאים התנבאו בכֹה אָמַר ה', מוסף עליהם משה שנתנבא בלשון זֶה הַדָּבָר". וואס אלע נביאים האבן נאר געזאגט כֹּה אָמַר ה', האט אים דער אויבערשטער געזאגט רַב-לָךְ, דו ביזט אנגעקומען צו די העכסטע מדריגה פון זֶה הַדָּבָר וואס איז מרומז אין די ווערטער בַּדָּבָר הַזֶּה. ממילא א שָׁאד זאלסט פאלן פון די מדריגה וועגן אריינגיין אין א"י. (צמח דוד – דינוב)

**תפילה עושה מחצה**

וָאֶתְחַנַּן אֶל-ה'... אֶעְבְּרָה-נָּא וְאֶרְאֶה אֶת-הָאָרֶץ הַטּוֹבָה... וַיֹּאמֶר ה' אֵלַי רַב-לָךְ אַל-תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה.. כִּי-לֹא תַעֲבֹר אֶת-הַיַּרְדֵּן הַזֶּה: (כג-כז) דארף מען פארשטיין וואס איז געווען די וויכוח פון משה מיטן אויבערשטן? נאר מו"ח הגאון ר' יוסף פרעסבורגער זצ"ל דער תפארת יוסף ענטפערט לויט וואס עס שטייט אין מדרש (ויקרא י ה) ר' יהושע בן לוי זאגט תפילה עושה מחצה אז תפילה פויעלט אויף העלפט פון וואס מען בעט, און מען לערנט דאס ארויס פון אהרן וואס די תורה זאגט (דברים ט כ) וּבְאַהֲרֹן הִתְאַנַּף ה' מְאֹד לְהַשְׁמִידוֹ, וואלט דאס געווען אויף אלע זיינע קינדער אבער משה רבינו האט מתפלל געווען איז געווארן די גזירה נאר אויף צוויי פון זיינע פיר קינדער עכ"ד המדרש. יעצט משה רבינו האט געבעטן צוויי זאכן דא אֶעְבְּרָה-נָּא – אריבער גיין דעם ירדן– און אֶרְאֶה– זען דאס לאנד–, האט אים דער אויבערשטער געזאגט דיין תפילה האט געפויעלט אויף האלב און עֲלֵה | רֹאשׁ הַפִּסְגָּה... וּרְאֵה בְעֵינֶיךָ. אבער כִּי-לֹא תַעֲבֹר אֶת-הַיַּרְדֵּן הַזֶּה. האט דאך משה געוואלט בעטן א דריטע זאך צו מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ, ווייל אזוי וועט זיין תפילה עושה מחצה און ער וועט עפעס קענען אויפטאן און אביסל אריינגיין אין א"י, האט אים דער אויבערשטער געזאגט, רַב-לָךְ אַל-תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה, בעט נישט מער ווייל איך האב מיינע טעמים פארוואס זאלסט נישט אריינגיין. (בית ישראל השלם אדמו"ר ממאטטערסדארף)

**וואס איז דער ענין פון רב לך**

רַב-לָךְ אַל-תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה: וְצַו אֶת-יְהוֹשֻׁעַ וגו' כִּי-הוּא יַעֲבֹר לִפְנֵי הָעָם הַזֶּה (ג' כ"ו –כ"ח) צו פארשטיין דעם ענין פון "רַב-לָךְ" וואס דורך דעם קען משה נישט אריינגיין אין ארץ ישראל? און אויך פארוואס דארף דער אויבערשטער זאגן אז יהושע וועט יא אריינגיין? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער הייליגער חיד"א ברענגט אין זיין ספר נחל קדומים (פר' בהעלותך) פון האריז"ל, אז משה רבינו איז געווען אין די מדריגה פון שמש, די זון, און ארץ ישראל איז אין די מדריגה פון די לבנה ע"כ. און דאס שטימט מיט וואס חז"ל זאגן (בבא בתרא ע"ה.) "פני משה כפני חמה און פני יהושע כפני לבנה" דעריבער זאגט דער אויבערשטער ווען משה וויל אריינגיין אין ארץ ישראל: "רַב-לָךְ". דו ביסט במדריגת פני חמה וואס דאס אין א גרעסערע מדריגה פון ארץ ישראל וואס איז נאר פני לבנה, ממילא איז ארץ ישראל נישט פאר דיר, אבער יהושע וואס ער איז אין די מדריגה פון פני לבנה ער וועט יא אריינפירן די אידן קיין ארץ ישראל וואס איז אויך די מדריגה פון פני לבנה. (ולבש הכהן– חיים יהושע חמצי, איזמיר תרמ"ט)

**דער ענין פון בקרב הארץ**

רְאֵה לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי ה' אֱלֹהָי לַעֲשׂוֹת כֵּן בְּקֶרֶב הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם בָּאִים שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ: (ד' ה') משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל איך האב אייך אויסגעלערנט דינים וואס דער אויבערשטער האט מיר באפוילן איר זאלט טאן, דארף מען פארשטיין אבער וואס מיינט מען מיט דעם לשון "בְּקֶרֶב הָאָרֶץ"? נאר מען קען זאגן אז פַאר מתן תורה האט א איד געדינט דעם אויבערשטן מיט התבודדות, געזעצן און געווען דבוק אליין מיטן אויבערשטן און זיך מסגף געווען און אזוי האט מען קונה געווען שלימות. אבער נאכדעם וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די הייליגע תורה קען מען אויך קונה זיין שלימות מיט לערנען און זיין מעורב בין הבריות, דאס מיינט די פסוק רְאֵה לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם "חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים" וואס דאס איז די תורה הקדושה. וואס דורך דעם קען מען קונה זיין שלימות, און לַעֲשׂוֹת כֵּן בְּקֶרֶב הָאָרֶץ, לערנען און טאן די מצוות מיט אלעמען צוזאמען און נישט נאר בהתבודדות. דאס קען אויך זיין דער רמז פון אֲשֶׁר "אַתֶּם" בָּאִים אותיות "אֱמֶת" וואס די גמ' (ברכות דף ה:) זאגט דאס איז די תורה פון פסוק אין (משלי כג כג) אֱמֶת קְנֵה וְאַל תִּמְכֹּר, (שיח יצחק לזקני הר' יצחק סג"ל באכנער זצ"ל) לויט דעם פשט איז אויך פארענטפערט וואס דער אור החיים הק' פרעגט פארוואס הויבט מען אן מיט רְאֵה א לשון יחיד און נישט רְאוּ, און נאכדעם זאגט מען אֶתְכֶם א לשון רבים? ולפי מיין עלטער זיידע'נס פשט איז גוט, ווייל רְאֵה גייט ארויף אויף פאר מתן תורה דאס מיינט רְאֵה, זע אז ביז יעצט האט איר געדינט אלץ א יחיד מיט התבודדות, אבער יעצט נאך מתן תורה, לִמַּדְתִּי, איז אֶתְכֶם קענט איר טאן צוזאמען בְּקֶרֶב הָאָרֶץ. (שמח זבולון)

**מדרש פליאה אין מניחין תפילין אלא בשבת**

וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל-יָדֶךָ וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ: (ו' ח') עס איז דא א מדרש פליאה "*אין מניחין תפילין אלא בשבת*". וואס פשטות מיינט דאס אז מען לייגט נישט תפילין נאר אין שבת, א פלא! נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס תוספות זאגט (חגיגה ג:) אז דריי זענען מעיד איינע אויף די אנדערע: הקב"ה ישראל ושבת, הקב"ה און ישראל זאגן עדות אז שבת איז א יום מנוחה. ישראל און שבת זאגן עדות אז דער אויבערשטער איז אחד, און זייער עדות איז דורך די תפילין אזוי ווי עס שטייט אין טור (או"ח סי' כ"ה) "שיש בהם יחודו ואחדותו יתברך שמו". אז די תפילין ווייזט אויף יחוד ה' אז ער איז איינס, קומט אויס אז ווען מען טוט אן תפילין זאגט מען עדות אויף אחדות ה'. און ווער זענען די צוויי עדות אויף די תפילין? ישראל און שבת. קומט אויס אויב איינער טוט אן תפילין און היט נישט שבת איז ער נאר א עד אחד, און עס שטייט (דברים יט טז) עַל פִּי שְׁנֵי עֵדִים –יָקוּם דָּבָר, א איד מיט שמירת שבת איז א גוטע עדות

אז דער אויבערשטער איז אחד, דאס מיינט דער מדרש: אין מניחין תפילין ווי עס דארף צו זיין צו מעיד זיין אויף אחדותו יתברך שמו, אלא בשבת, נאר אז מען היט אויך שבת. (זכור ושמור – הה"צ אשר אנשיל ב"ר משה נתן יונגרייז זצ"ל)

# מדור העובדות

## דער שר שלום מבעלזא זצוק"ל און די חסידים זענען מסמיך הרה"ק ר' אורי סאמבור זצוק"ל

הרה"ק ר' אורי הכהן יאלעס מסמבור זי"ע איז געבוירן אין שטאט לעמבערג כ"ד אייר תקצ"ב צו זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' אפרים צבי הכהן יאלעס זי"ע וואס האט אים געגעבן א נאמען אורי נאך זיין רבין דער הייליגן שרף ר' אורי מסטרעליסק זי"ע, וואס איז געווען א תלמיד פון הייליגן ר' שלמה מקארלין זיע"א. ר' אורי מסאמבור איז אויך געווען א תלמיד פון דעם הייליגן שר שלום מבעלזא זיע"א און אויך פון ר' יהודה צבי מסטרעטין זי"ע דעם דגל מחנה יהודה און זיין זון הרה"ק ר' אברהם מסטרעטין זי"ע.

הרה"ח ר' מאיר אליעזר ליפשיץ ז"ל פון לעמבערג האט דערציילט די מעשה תרצ"ג פון די התגלות פון הרה"ק ר' אורי מסאמבור און פארוואס איז ער געגאנגען פון קאמארנא קיין סאמבור! הרה"ק ר' אורי האט חתונה געהאט און געוואוינט אין שטאט קאמארנא און פלעגט אפט פארן צום שר שלום מבעלזא זיע"א. - נסתלק געווארן כ"ז אלול תרט"ו -, גלייך נאך די חתונה איז ער געזעצן א גאנצן טאג אין שול על התורה ועל עבודה און איז געווען א עני ואביון און שטענדיג געווען הונגעריג אבער ער איז געווען אייביג בשמחה און פול מיט בטחון. זיין ווייב וואס איז געווען א צדיקת האט געשפירט א זכיה צו האבן אזא מאן און גענומען א ארבעט צו נייען זעק פאר א אידישער סוחר אבער דאס איז נאר געווען גענוג אויף ברויט און וואסער, און אין שטוב איז געווען ממש ליידיג. פארשטייט זיך אז די פרוי איז געווען זייער שוואך פון וויניג עסן. איין טאג ווען זיין ווייב איז געגאנגען ברענגען אסאך זעק פאר איר בעל הבית און זי איז געווען דעמאלטס זייער שוואך און פון די שווערע לאסט פון די זעק איז זי אראפגעפאלן און געחלש'ט. עס איז צוזאם געלאפן עטליכע פרויען און איר דערמינטערט און איר געברענגט אין איר שטוב און געזוכט עפעס איר צו מחיה זיין אבער צו זייער וואונדער האבן זיי געזען א ליידיגע שטוב. די ווייבער האבן געשיקט רופן ר' אורי פון שול און האבן אים אנגעשריגן ווי לאזט ער צו אזא ארימקייט אין שטוב וואס איז ממש ליידיג און לאזט די עול הפרנסה זאל זיין אויף זיין ווייב בשעת זי איז שוואך און ער זיצט רוהיג אין שול!

די ווערטער האבן אים צונומען און האט מחליט געווען ער גייט פארן צום שר שלום מבעלזא און פרעגן וואס צו טאן. ער איז געפארן פון קאמארנא און ווען עס איז געווארן נאכט האט ער נישט געוואלט גיין אין וועג, האט ער געבעטן א איד וואו ער קען איבערנעכטיגן האט ער אים געזאגט אז אין שול איז דא א צימער און ער האט אויפגעמאכט די שול און דער מענטש פרעגט ר' אורי צו ער האט שוין געגעסן? און ווען ר' אורי האט געענטפערט אז עס איז שוין אפאר טעג וואס ער האט נישט געגעסן איז דער איד צו געגאנגען צום ארון הקודש און האט ארויס גענומען א ברויט מיט א פלאש וויין און געזאגט פאר ר' אורי דאס איז פאר דיר און זיי זיך מחיה מיט דעם. ר' אורי איז געווארן מלא שמחה ווייל ער איז געווען הונגעריג און האט דאס אויפגעגעסן און געבענטשט און געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן, און זיך געלייגט שלאפן.

אינדערפרי איז אנגעקומען דער שמש פון שול און ער האט געזוכט די ברויט און ווען ער האט דאס נישט געטראפן האט ער זיך ארום געקוקט אין שול און געזען ווי ר' אורי שלאפט האט דער שמש איהם אויפגעוועקט און האט געפרעגט צו ער האט געגעסן די ברויט? האט ער געענטפערט אז יא. האט דער שמש איהם געוואלט שלאגן, ווען פלוצלינג עפענט זיך אויף די טיר און יענער איד וואס האט אים געגעבן די ברויט שרייט אויפן שמש "לאז איהם אפ, ר' אורי פון קאמארנא איז נישט קיין גנב! איך האב אים געגעבן די ברויט ווייל ער האט געהאלטן ביי סכנות נפשות ווייל ער האט נישט געגעסן א פאר טעג!" דער שמש האט באקומען א רחמנות געפיל און איז געווארן בארוהיגט און האט איבערגעבעטן ר' אורי פאר איהם חושד זיין. און ר' אורי האט איהם מוחל געווען.

דער איד איז גלייך נעלם געווארן און ר' אורי איז ווייטער געפארן קיין בעלזא. ביים רבין האט ער זיך אויסגעגאסן זיין הארץ וועגן זיין ארימקייט אז עס איז באו מים עד נפש! דער רב איז געווארן ערנסט און ער האט זיך פארטראכט ווען ער רופט זיך אן מיט וואונדער **"א איד וואס האט זוכה געווען צו זען צוויי מאל אליהו הנביא אין איין טאג האבן מיר בקבלה אז איהם וועט שוין נישט פעלן קיין געלט, און דו האסט דאך נעכטן געזען צוויי מאל אליהו הנביא, וועט דיר נישט פעלן קיין געלט."** ר' אורי איז נשתומם געווארן אז דער רבי האט דאס אלעס געזען ברוח הקודש און ער איז געווארן מלא שמחה. ער האט געדאנקט דעם רבין.

גאנץ שנעל איז געווארן פארשפרייט די רייד פון רבין און די חסידים האבן גענומען ר' אורי און אים אוועק געזעצט אויף א בענקל און אוים גערופן זאל קעניגן אונזער האר ר' אורי! דער שר שלום איז ארויסגעקומען פון זיין חדר און ער האט געזען וואס די חסידים האבן געטאן פאר ר' אורי, האט ער געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף ר' אורי און געזאגט "איך בין דיר מסמיך צו זיין א רבי גיי אהיים און מיט דעם כח וועסטו קענען העלפן אידן וכל היוצא מפיך יתקיים!"

ר' אורי איז אהיים געפארן קיין קאמארנא און געגאנגען זיצן ווייטער אין שול און פון זיך אליין זענען מענטשן געקומען צו אים מיט בקשות און ר' אורי האט אלעמען געענטפערט און צוביסלאך האט ער באקומען אסאך געלט ווייל ער איז געווארן נתפרסם צו זיין א פועל ישועות, אזוי ווי זיין הייליגער רבי דער שר שלום האט אים צוגעזאגט. ר' אורי איז געווען א גוט הארציגע און ער האט געטיילט אסאך צדקה. אין קאמארנא האט דעמאלטס געוואוינט הרה"ק ר' אייזיק'ל מקאמארנא דער בעל היכל הברכה, וואס ער האט געהאט אסאך חסידים, און ר' אורי האט נישט געוואלט פירן אדמורו"ת בכלל און בפרט דעם סאמבור הויף, אבער אין שנת תרכ"ה ווען זיין רבי ר' אברהם מסטרטין זי"ע איז נסתלק געווארן, האט ער שוין מסכים געווען איבערנעמען זיין הייליגן טאטן און האט אנגעהויבן צו פירן זיין הייליגע הויף פון סאמבור אין קאמארנא ביז שנת תרל"ה, אבער וויבאלד אז זיין הויף האט געצויגן אסאך חסידים און ר' אורי האט געשפירט אז עס ווערט שוין א רייבערי פון די חסידים פון קאמארנא, האט ער מחליט געווען אז ער ציט זיך אוועק פון קאמארנא און איז געגאנגען וואוינען אין סאמבור, און דארטן האט זיין הויף געבליט און געוואקסן מיט חסידים, ר' אורי האט מאריך ימים געווען און שבת פ' שקלים א' אדר ראשון שנת תר"ע אין מיטן זאגן כתר האט ער צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה זי"ע. (סיפורי ר' ישראל בעקמייסטער)


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן***

*פינקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' הענקין שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמורי"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפיל זיי באקומען און וועגן וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גוע אדמור"י צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, תהלים פון הרה"ק ר' שלום שניצלער מטשאבא $1000 ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך ביידע פאר $8500, סעט מליצי אש $300, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות בן מאיר נתיבים געוועןן ביים בעש"ט $45000 סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומאראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר,* תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, עת לעשות דפוס ראשון, ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 א מטבע לכבוד די חתם סופר $500, און $300 א בול-סטעמפ - לכבוד חתם סופר $50

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת